בס"ד

נח תשפ"ו

גליון 256

דער ריינער קוואל

דעם רבינ'ס ליכט

אֵייערע קינְדֶער זָאלְט איר מודיעַ זיין
וָואס דָא הָאט זיך גיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## אִין גַאס אָדֶער אִין חֵדֶר?

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה דֶערְצֵיילְט מֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן נֹחַ. מְ'דַארְף ווִיסְן אַז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען, נָאר אִין יֶעדֶע וָוארְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה לִיגְט גְרוֹיסֶע אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע טִיפֶע סוֹדוֹת, אוּן מֶען קֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דֶעם ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא.

דָאס וָוארְט "תּוֹרָה" אִיז פוּן דִי לָשׁוֹן "הוֹרָאָה". עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן. בִּפְרַט אִין דִי פְּסוּקִים ווָאו דִי תּוֹרָה זָאגְט נִישְׁט אַרוֹיס בְּפֵירוּשׁ דִי מִצְוֹת נָאר דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָארְט לִיגְט בַּאהַאלְטְן גָאר טִיפֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אִין יֶעדֶע אוֹת.

מִיט סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא ווֶעלְן מִיר זֶען וָואס מִיר קֶענֶען אַרוֹיס לֶערְנֶען פוּן פַּרְשַׁת נֹחַ הַנְהָגוֹת ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, לוֹיט דִי הֵיילִיגֶע הַקְדָּמוֹת וָואס מִיר הָאבְן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

עֶס אִיז דָא אַ בַּאקַאנְטֶע תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס רוּפְט זִיךְ קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ (סִימָן ו') דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז ווֶער עֶס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אַלֶע מַצָּבִים סַיי ווֶען סְ'גֵייט אִים גְרִינְג; ווֶען עֶר גֵייט אַרוֹיף מַדְרֵגוֹת, אִין דֶעם רֶבִּי'נְס שְׁפְּרַאךְ ווֶערְט דָאס אָנְגֶערוּפְן "בָּקִי בְּרָצוֹא" דָאס מֵיינְט לוֹיפְן פָּארְאוֹיס, אוּן סַיי ווֶען סְ'גֵייט אִים שְׁווֶער; עֶר גֵייט אַרָאפּ מַדְרֵגוֹת, וָואס דֶער רֶבִּי רוּפְט דָאס אָן "בָּקִי בְּשׁוֹב" וָואס דָאס מֵיינְט גֵיין אוֹיף צוּרִיק צוּווֶעגְס.

רַבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר ווִי אַזוֹי דִי לִמּוּדִים פוּן פַּרְשַׁת נֹחַ אִיז נוֹגֵעַ צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְז. עֶר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אַ זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן פוּן נָאךְ הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז דִי וָוארְט "תֵּיבָה" הָאט צְווֵיי טַייטְשְׁן, עֶס קֶען מֵיינֶען דִי שִׁיף פוּן נֹחַ אוּן עֶס קֶען מֵיינֶען "אַ וָוארְט", דָאס מֵיינְט דִי "ווֶערְטֶער" פוּן דַאווֶענֶען. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר נֹחַ בֹּא אַתָּה וְכָל בֵּיתְךָ אֶל הַתֵּבָה דוּ אוּן דַיין הוֹיזְגֶעזוּנְד זָאלְן אַרַיין אִין דִי תֵּיבָה, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי בְּחִינָה פוּן "בָּקִי בְּרָצוֹא" צוּ אַרַיינְגֵיין אִין דִי תֵּיבָה וָואס דָאס מֵיינְט דִי ווֶערְטֶער פוּן דַאווֶענֶען. שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעהֵייסְן צֵא מִן הַתֵּיבָה אַתָּה וְאִשְׁתְּךָ וְכוּ' כָּל הַחַיָּה וְכָל הָרֶמֶשׂ הוֹצֵא גֵיי אַרוֹיס פוּן דִי תֵּיבָה דוּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אַלֶע חַיּוֹת וְכוּ' זָאגְט רַשִׁ"י אוֹיף דִי וָוארְט "הוֹצֵא" אַז מֶען לֵיינְט דָאס "הַיְצֵא" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר נֹחַ, טָאמֶער זֵיי ווִילְן נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִי תֵּיבָה נֶעם זֵיי דוּ אַרוֹיס, ווַייל דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶער

ענְיָן פון "בָּקִי בְּשׁוּב".

יֶעדֶער אֵיינֶער פון אונְז וָואלְט גֶעוָואלְט אַ גַאנְצְן טָאג זִיצְן אִין שׁוּל אָדֶער אִין חֶדֶר און נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָארְט, אָן קַיין נִסְיוֹנוֹת פון דִי גַאס און אָן קַיין שְׁוֶועריקַייטְן, צום בֵּיישְׁפִּיל אַ אִינְגֶל מַאכְט אָפּ בַּיי זִיךְ אַז פון הַיינְט אָן גֵייט עֶר דַאוֶוענֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה און גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת, אָדֶער לְמָשָׁל עֶר גֵייט אוֹיפְשְׁטֵיין זֵייעֶר פְּרִי און זִיךְ גְרֵייטְן צום דַאוֶוענֶען, אַ שְׁטִיק צַייט שְׁפֶּעטֶער זֶעט עֶר אַז זַיין פְּלַאן אִיז זִיךְ צוּרִירְן און עֶר אִיז בַּיי זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרָאפּ גֶעפַאלְן, דַארְף עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן און דֶערְהַאלְטְן און טון וָואס עֶר קֶען און חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין, און דָאס מֵיינְט "בָּקִי בְּשׁוּב" וִוי אוֹיךְ וֶוען אַ קִינְד אִיז עוֹסֵק בְּדִבְרֵי הָרְשׁוּת וֶוען עֶר גֵייט לְמָשָׁל עֶסְן אָדֶער זִיךְ שְׁפִּילְן אָדֶער אִין גֶעשֶׁעפְט, דַארְף עֶר וִויסְן אַז דָאס מֵיינְט אוֹיכֶעט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. (הִלְכוֹת שַׁבָּת ז' אוֹת ס"ט ע')

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צו תְּשׁוּבָה בִּשְׁלֵמוּת און מִיר זָאלְן זַיין בָּקִי בְּרָצוֹא און בָּקִי בְּשׁוּב און דוּרְךְ דֶעם וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה בְּקָרוֹב.

המשך פון זייט 12

# צְוֵויי אִינֶערְלִיכֶע שְׁטִימֶעס

וָואס רֶעדְט זִיךְ פון דִי גְרוֹיסְקַייט פון בֶּענְטְשְׁן מִיט כַּוָונָה. עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ דֶערְפְרֵיידְט ווייל אוֹיף דֶעם עִנְיָן הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אַ גְרוֹיסֶע חִיזּוּק. אָט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אִין דֶעם גֶעוָואלְדִיגְן עִנְיָן.

אָבֶער אַן אִינֶערְלִיכֶע שְׁטִימֶע הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צו גְרִיבְּלֶען אִין אִים און אִים גֶעזָאגְט: "וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִיר, יְרַחְמִיאֵל, דו דַארְפְסְט חִיזּוּק אוֹיף אַזַא פְּשׁוּטֶ'ע זַאךְ?! דו בֶּענְטְשְׁסְט דָאךְ רִיכְטִיג און דו קֶענְסְט זִיךְ אַלֵיינְס מְחַזֵּק זַיין אָן צו לֵיינֶען סְפָרִים און צִיטַאטְן פון אַלֶע סָארְט סְפָרִים..." און אַזוֹי הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט פון לֵיינֶען.

אֵיינִיגֶע מִינוּטְן זֶענֶען אַרִיבֶּער, און עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אוֹיף אַ רֶגַע דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז דָא אִין יֶעדֶעם אֵיינֶעם דֶער 'בֶּן יָחִיד' וָואס גְלוּסְט זִיךְ מְחַזֵּק צו זַיין אִין יֶעדֶע עִנְיָן וִוי עֶס דַארְף צו זַיין, און זַיין שֵׂכֶל וָואס רֶעדְט אִים אַיין אַז אַלְץ אִיז בְּסֵדֶר און מֶען דַארְף נִישְׁט צוקוּמֶען צו קֵיין חִיזּוּק פון אַנְדֶערֶע אָדֶער פון צַדִּיקִים.

שְׁנֶעל אִיז יְרַחְמִיאֵל גֶעלָאפְן און מַחְלִיט גֶעוֶוען זִיךְ צו אַיינְהֶערְן צו זַיין אִינֶערְלִיכֶע שְׁטִימֶע זִיךְ מְחַזֵּק צו זַיין אִין בֶּענְטְשְׁן און אִין פִילֶע עִנְיָנִים, דוּרְכְן גֵיין אוֹיפְזוּכְן בַּיי אַלֶע וָואס גֵייעֶן אִים מְעוֹרֵר זַיין דָאס הַארְץ צו דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צו זַיין פְרֵיילִיךְ און אוֹיפְגֶעלֵייגְט.

# א בריוו פון ר' נתן

"מורי ורבותי, ס'איז אנגעקומען א בריוו פון ר' נתן," רופט מען אויס אין שול און איינער עפענט דעם עלים לתרופה און לייענט ארויס א פרישע בריוו וואס רבי נתן האט נארוואס געשיקט. ס'איז נישט קיין וויץ, רבי נתן לעבט צווישן אונז און שיקט אונז כסדר בריוון, מען דארף נאר זוכה זיין דאס צו קענען לייענען...

*

"דער מצב איז נישט גוט," האט דער דאקטאר געמאלדן. "ס'איז נישט קיין פשוט'ער ענין, מען מוז זאפארט אפערירן די לונגען צו ראטעווען דאס אינגע לעבן פון דאס קליין קינד!"

ווי צו די אויערן פון טאטע מאמע וואס דארפן דאס הערן, דער אויבערשטער זאל אונז שומר ומציל זיין. אט די שרעקליכע ווערטער האבן מיין שוואגער און שוועסטער לײדער געדארפט הערן שטיינעדיג נעבן דאס בעט פון זייער אומשולדיגע שעפעלע אין שפיטאל.

ס'איז נישט געווען סתם א לייכטע באהאנדלונג נאר מען האט גערעדט פון דורכשניידן די לונגען ר"ל. מען קען אליין פארשטיין ווי איידל די אפעראציע האט געדארפט זיין. מיט לונגען שפילט מען זיך נישט ארום. ס'איז נישט קיין קינדערשפיל וואס גייט אריבער.

מיין שוואגער איז שוין געווען זייער איבערגעשטרענגט נאכן ווילן אין שפיטאל עטליכע טעג פון ווען זי איז אריינגעקומען מיטן קינד וועלכע איז געווען אנגעשטעקט פון מאזלען. פון די מאזלען האט זי באקומען א געשוואלענעם אויסשלאג אויפן פנים מיט רינעדיגע אייטער. אנקומענדיג אין שפיטאל האט מען איר גלייך באהאנדלט די געשווילעכץ פון פנים און זאכן זענען ברוך השם געגאנגען צו בעסערונג, מען האט שוין גערעדט פון איר ארויסשרייבן פון שפיטאל אבער קודם האט מען געמוזט מאכן אן אלטראסאונד אויף די לונגען און הארץ ווייל צומאל קען מאזלען שעדיגן די האקעלע איברים.

*

מיין שוואגער האט א שיעור קבוע אויפן טעלעפאן מיט א חבורה וועלכע לייגען צוזאמען אויף א בריוו פון רבי נתן. אויך אין שפיטאל האט מיין שוואגער נישט געוואלט פארפאסן די שיעור. ער איז אראפ צום שול אין שפיטאל צו קענען אריינקלינגען אין די ליין.

יענעם טאג האט מען אויפגעליינט בריוו 'קפ"ט' ווי רבי נתן שרייבט:

בָּרוּךְ הַשֵּׁם, יוֹם ב' קֹרַח תקצ"ה לפ"ק.

מיין באליבט קינד

איך האב היינט באקומען דיין בריוו... אויך פריער האט מיר רבי אייזיק נרו יאיר געלאזט וויסן וועגן די צרה פון דיין קליין טאכטער, ער טוט מיר זייער לייד אויף דיין צרה און די יסורים, אבער איך קען זיך נישט איינהאלטן פון דיר צו מוסר'ן אביסל דאס וואס יארן און טעג שרייסטו מיט ביטערע קולות אויף אלעס וואס גייט אויף דיר אריבער. איך האב דאך שוין טויזנטער מאל גערעדט מיט אייך אז די

וועלט איז פול מיט צער און ווייטאג ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט אז עס זעט אויס אז דא איז דער גהינם.

און טאקע מען דארף שרייען צום באשעפער ביי א צרה, אויך מודיע זיין פאר א תלמוד חכם זאלן בעטן פאר אים רחמים און בפרט פאר דיין טאטן וויל ווער וועט דען רחמנות האבן אויף דיר מער פון מיר? אבער מיט דעם אלעם ..., עס זעט אויס ווי די גאנצע וועלט איז געפאלן אויף דיר, און ווי גלייך דיינע יסורים זענען חס ושלום גרעסער פון דער גאנצער וועלט.

נישט אזוי דארף זיין מיין באליבטער זון, מען דארף אלעמאל זייער געדענקן וואס דער טייטש דעם פסוק בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִי (בְּלִקּוּטֵי א׳ סִימָן קצ״ה)און זיך פרייען אז ביסט גערעטעוועט געווארן נישט צו זיין קיין מתנגד אויף אזא אמת וואס דאס איז אונזער תקוה אויף דער וועלט און אויף יענער.

שפעטער אין בריוו רעדט ר׳ נתן ארום איבער דער נושא פון הייליגן רבי׳נס דעת נישט צו רופן דאקטוירים, אבער צו שטיין קעגן די בני בית וואס האבן גערופן דאקטוירים איז שווער זיי אפצוהאלטן, און אויך וויל דער אויבערשטער מיט זיין גרויס רחמנות קען היילן אפילו ווען מען רופט א דאקטאר, וויל דעם אויבערשטנס וועגן זענען זייער וואונדערליך

זיי משתדל אויף א קלוגן אופן צו רעדן מיטן דאקטאר זאל נוצן וואס ווייניגער רפואות, אבער אויב דער דאקטער וויל שניידן חס ושלום זע צו משתדל זיין ער זאל זיך אפלאזן פון דעם, וויל איך בין בכלל נישט מסכים מיט מיין דעה דאס צו לאזן, אפשר קען ער משתדל זיין צו ווייך מאכן דורך עפעס רפואות, ולה׳ הישועה והרחמים דיין טאכטער זאל האבן א גאנצע רפואה מן השמים במהרה.

נָתָן מִבְּרֶסְלֶב

ער ענדיגט לערנען און קערט זיך צוריק צום צימער מיט געהעריגע טריט נישט פארדעכנדיג וואס עס ערווארט אים אין צימער און אפאר מינוט ארום.

״ווען גייט מען אהיים?״ האט ער געפרעגט זיין פרוי.

״כ׳ווייס נישט, לאמיר הערן פון דאקטאר ווען זיי שרייבן אונז ארויס.״

אין יענע מינוט איז אריינגעקומען א ווייס געקליידעטע דאקטאר און איינגעמאלדן טרוקן אז מען האט געפונען אין די לונגען עפעס א ווירוס וואס האט זיך דארט אריינגעכאפט און מען מוז זאפארט שניידן אז נישט איז איר לעבן אין א סכנה.

- - - - -

שאק.

מער פון די שאק פון די דיאגנאזע האט מיין שוואגער געכאפט א שאק פון די בריוו וואס רבי נתן האט אים געשיקט א מינוט צוריק, ווי רבי נתן זאל זיין מיט אים אין שפיטאל און אלעס מיטהאלטן פון דער נאנט. מיין שוואגער האט א מנהג אז ווען ער איז אין אן ענגשאפט עפנט ער אויף אן עלים לתרופה און ער איז זיך מחזק מיט די בריוון פון רבי נתן, נישט איינמאל האט ער שוין געפונען תשובות אויף זיינע שאלות.

בכלל זענען זיי שאקירט געווארן פון דעם מצב קינד וועלכע האט ביז דאן אויסגעזען געזונט

און שטארק, געלאבט און געשפילט, זיי האבן גארנישט פארדעכטיגט אז עפעס טויג נישט מיט איר. און זיי האבן נישט מסכים געווען צו געבן זייער אונטערשריפט צום אפעראציע.

די דאקטוירים זענען געווארן זייער בייז און זיי דערשראקן פון דא ביז צום יענעם עק וועלט. אויך די עסקנים האבן געהאלטן מיט די דאקטוירים אז מען מוז שניידן, אבער מיין שוואגער און זיין ב"ב האבן זיך זייער געבעטן, ווי רבי נתן שרייבט אין בריוו, אז מען זאל קודם פרובירן אנדערע מיטלען, אזוי האט זיך עס געשלעפט עטליכע טעג ווען מען האט פרובירט דאס און יענץ. און די דאקטוירים האבן ווייטער גע'טענה'ט אז דאס קינד איז אין א סכנה און מען מוז שוין צוטרעטן צום אפעראציע, אבער מיין שוואגער האט געוואוסט וואס רבי נתן האט גערעדט צו אים דירעקט און וועט זיך נישט אוועקרידן.

אינצווישן זענען די נערוון פון זיצן אין דעם שפיטאג געווארן איבערגעשטרענגט. האט א קרוב געגעבן אן עצה אז מען זאל זיי זאגן אז זיי ווילן זיך ארויסשרייבן צו גיין צו א צווייטע שפיטאל. פארשטייט זיך אז די שפיטאל האט נישט גלייך מסכים געווען, עס האט זיי בבלל נישט געפאסט, אבער מיין שוואגער האט נישט אפגעלאזט. מען האט אים געפרעגט כל מיני שאלות אים צו אויספארשן אויב ער רעדט אמת, צום ביישפיל: "צו וועלכע דאקטאר גייסטו גיין?" דער אויבערשטער האט געהאלפן אז זי האט געוואוסט א נאמען פון א דאקטאר.

"ווען און מיט וועמען גייסטו גיין?" אא"וו, און מיין שוואגער האט זיך נישט פארלוירן נאר געגעבן צופרידנשטעלנדע ענטפערס. ווען ער האט שוין געהאט זיינע צעטלעך אין האנט האט ער געפילט ווי ז' ער גייט שוין ארויס פון גלות מצרים.

מיין שוואגער איז געפארן צו שערי צדק שפיטאל ווייל ער האט נישט געוואלט ס'זאל זיין א ליגנט וואס ער האט געזאגט און פון דארט האט ער אויסגעדרייט דעם קאר און געפארן צוריק אהיים לחיים ולשלום.




דער אמת איז אז ס'איז נישט קיין ליגנט, 'שערי צדק' איז דער צדיק ווי מען זאגט: "פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק אָבֹא בָם אוֹדֶה קָהּ (תהלים קיח, יט)"

וואס טוט מען ווייטער?

די ערשטע זאך האט מען זיך גענומען צו אונזער אלטע אויסגעפרובטע מיטל פון תפילה. די נאמען פונעם קינד איז צעשפרייט געווארן צווישן אחינו בני ישראל וועלכע האבן געטון א חסד און אנגעוואנדן תפילות פארן חולה וועמען זיי קענען ניטאמאל און ווייסן בכלל נישט ווער דאס איז, אבער אז א אידיש קינד איז אין אן עת צרה איז מען גלייך מתפלל.

דאס קינד פילט זיך ב"ה אסאך בעסער און מען בעט אז מען זאל ווייטער מתפלל זיין פאר איטא רחל בת דבורה אויף א גאנצע רפואה.

# אַ פֶּעקל נַאשׁ...

עֶס אִיז רַעֲוָא דְּרַעֲוִין אִין בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם. דֶער צִבּוּר אִיז זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען נָאךְ מִנְחָה זִיךְ זֶעצְן עֶסְן צוּזַאמֶען שָׁלוֹשׁ סְעוּדוֹת, דִּי יוּנְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעאֵיילְט צוּ רוּקְן דִּי טִישְׁן אוּן אוֹיסְלֵייגְן טִישְׁטֶעכֶער אוּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט טֶעלֶערְ'ס, בּוּלְקֶעלֶעךְ א.ד.ג. פַאר דִּי סְעוּדָה. צְווִישְׁן דִּי חֲסִידִים וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעזֶעצְן בַּיי דֶער סְעוּדָה אִיז גֶעוֶוען דֶער חָסִיד ר' אֶלְחָנָן סְפֶּעקְטָאר זַ"ל, עֶר הָאט זִיךְ גֶעוַואשְׁן אוּן גֶעזֶעצְט עֶסְן עֶר זִיצְט שְׁטִיל אִין זַיין ווִינְקֶל, וֶוען אֵיינֶער פוּן דִּי חֲסִידִים וֶועלְכֶער אִיז גֶעזֶעצְן דֶערְנֶעבְּן הָאט צוּגֶערוּקְט דֶעם טֶעלֶער סַאלַאט טְחִינָה צוּ ר' אֶלְחָנָן אִים צוּ מְכַבֵּד זַיין.

מִיטְאַמָאל הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דִּי טִיר פוּן בֵּית מִדְרָשׁ אוּן אַ חַבּוּרָה אִינְגֶלֶעךְ וֶועלְכֶע הָאבְּן בִּיז אִיצְט גֶעשְׁפִּילְט יֶעצְט אִינְדְרוֹיסְן, זֶענֶען אַרַיינְגֶעלָאפְן מִיט אֵיין אִימְפֶּעט זִיךְ וַואשְׁן צוּ דֶער סְעוּדָה. דִּי קִינְדֶער זֶענֶען גוּט פַארְשְׁווִיצְט אוּן קְלֶעפֶּעדִיג פוּן דִּי אַייז-קְרֶעים וָואס מֶען הָאט גֶעטֵיילְט נָאכְן חֶבְרַת-תְּהִלִּים. אֵיינֶער פוּן דִּי קִינְדֶער וֶועלְכֶער אִיז נָאךְ גֶעוֶוען גַאנְץ אִינְג אוּן נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אִין דֶעם עִנְיָן פוּן דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם טִישׁ וואוּ ר' אֶלְחָנָן אִיז גֶעזֶעצְן אוּן אָן טְרַאכְטְן צוּ פִיל אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם טֶעלֶער סַאלַאט אוּן אַיינְגֶעטוּנְקֶען זַיינֶע פִינְגֶער אִין דִּי טְחִינָה צוּ גֶעבְּן אַ קָאסְט פַארְן עֶסְן....

ר' אֶלְחָנָן - וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶער אִיד אוּן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְטְרָאגְן אַזַא סָארְט פִירוּנְג, הָאט אַוֶועקְגֶערוּקְט דָאס הַאנְט פוּנֶעם קִינְד אוּן אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען מִיט אַ תְּנוּעָה אַז ס'פַּאסְט נִישְׁט... דֶער אִינְגֶל הָאט בַּאלְד פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם וואוּנְק אוּן גֶעכַאפְּט הֶענְט אוּן פִיס אוּן אַוֶועקְגֶעלָאפְן...



אָבֶער - - ווִי נָאר דָאס קִינְד אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אִיז ר' אֶלְחָנָן גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְקְלֶעמְט, 'אוֹי וֵויי,' הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן?! אִיךְ הָאבּ גֶעטְשֶׁעפֶּעט אַ אִיד! אַ אִידִישׁ קִינְד!' בַּיי ר' אֶלְחָנָן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד ווִי אַלְט דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, אַ קִינְד אָדֶער אַ עֶלְטֶערֶער אִיד, דֶער בַּאשֶׁעפֶער לָאזְט נִישְׁט וֵויי טָאן אַ צְוֵויטְן! נוּ, אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אֵיינֶעם, דַארְף מֶען אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן! ר' אֶלְחָנָן הָאט שׁוֹין אַ פְּלַאן....

אַ וָואךְ אַרוּם, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, נֶעבְּן דֶער גֶעשֶׁעפְט פוּן דִּי נַאשֶׁערַייעֶן, שְׁטֵייט אַ עֶלְטֶערֶער אִיד אוּן קוּקְט אִיבֶּער מִיט אִינְטֶערֶעסֶע דִּי אוֹיסְוַואל פוּן דִּי נַאשֶׁערַייעֶן אַזוֹי ווִי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַן עֶקְסְטֶערֶע גֶעוַואלְדִיגֶע עֲבוֹדָה... דָאס אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶער ווִי ר' אֶלְחָנָן זַ"ל, וֶועלְכֶער הָאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אַלֶע זַיינֶע סְדָרִים אוּן עֲבוֹדוֹת אוּן אִיז גֶעקוּמֶען קוֹיפְן עֶפֶּעס צוּ מְפַיֵּס זַיין דָאס קִינְד... נָאכְן אִיבֶּערְטְרַאכְטְן יֶעדֶע סָארְט הָאט עֶר צַאמְגֶענוּמֶען אַ שֵׁיינֶע זֶעקְל מִיט אַלֶעם גוּט וָואס אִיז נָאר גֶעוֶוען, שָׁאקָאלַאדְ'ן אוּן צוּקֶערְלֶעךְ, דִּי סָארְט אוּן יֶענֶע סָארְט, פוּן דִּי בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע, עֶר הָאט בַּאצָאלְט אוּן אַהֵיים מִיט דִּי זִיסֶע פֶּעקְל אִין הַאנְט.

שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג שְׁפַּאנְט ר' אֶלְחָנָן צוּם שׁוּל מִיט זַיינֶע שֵׁיינֶע שַׁבָּתְ'דִיגֶע לְבוּשִׁים וֶוען צוּ אַלֶעמֶענְס ווּאוּנְדֶער הַאלְט עֶר אַ פֶּעקֶעלֶע נַאשׁ אִין הַאנְט. עֶר קוּמְט אַרַיין אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ בַּיים אַרַיינְגַאנְג,

וֶוען עֶר בְּלִיקְט אוֹיף אַלֶע זַייטְן אַ לֶענְגֶערֶע צַייט אֶפְשַׁר וֶועט עֶר טְרֶעפְן יֶענֶעם קִינְד, אָבֶער נֵיין, עֶר דֶערְקֶענְט אִים נִישְׁט, שׁוֹין הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ צוּ זֶעצְן אִין שׁוּל אַנְטְקֶעגְן דִי טִיר אֶפְשַׁר וֶועט עֶר בַּאמֶערְקְן דֶעם אִינְגְל אַרֵיינְקוּמֶען אַזוֹי ווִי פָארִיגֶע וָואךְ.

מֶען הָאט שׁוֹין גֶעדַאוְונְט מִנְחָה, אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּ דִי סְעוּדָה, ר׳ אֶלְחָנָן אִיז נָאךְ נִישְׁט רוּאִיג, עֶר הַאלְט נָאךְ אַלְס דָאס פֶּעקְל אִין הַאנְט אוּן בְּלִיקְט צוּם טִיר, וָואס טוּט מֶען? צֵייכְנְס פוּן זָארְג הָאבְּן זִיךְ גֶעווִיזְן אוֹיף זַיין גֶעזִיכְט, וואוּ גֶעפִינְט מֶען דָאס קִינְד?? נָאכְן זִיצְן אַזוֹי אַ לֶענְגֶערֶע צַייט הָאט זִיךְ ר׳ אֶלְחָנָן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן אָרְט אוּן אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ ר׳ יוֹסֵף שִׁמְעוֹן בַּארְזֶעסְקִי וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל מְקוּרָב צוּ אִים, אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט שְׁטִיל, אֶפְשַׁר קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן?! ר׳ יוֹסֵף שִׁמְעוֹן הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף ר׳ אֶלְחָנָן אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן וָואס אִיז גֶעשֶׁען? לוֹיטְן פָּנִים פוּן ר׳ אֶלְחָנָן הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי עֶפֶּעס בַּאדַייטְנְד אִיז גֶעשֶׁען.

לֶעצְטֶע וָואךְ, הָאט ר׳ אֶלְחָנָן גֶעזָאגְט צוּ ר׳ יוֹסֵף שִׁמְעוֹן, הָאבּ אִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט אֵיינֶעם פוּן דִי קִינְדֶער וָואס הָאט גֶעפַּאטְשְׁקֶעט אִין דִי עֶסְן מִיט זַיינֶע פִינְגֶער... דָאס קִינְד אִיז פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן אוּן אִיךְ ווִיל אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן אָבֶּער אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אִיךְ דֶערְקֶען אִים נִישְׁט צְווִישְׁן אַלֶע קִינְדֶער... אֶפְשַׁר קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן?

דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט נִישְׁט גֶעווָאוּסְט ווִי אַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן אוֹיף אַזַא מַעֲשֶׂה, אַן עֶלְטֶערֶער אִיד ווִי ר׳ אֶלְחָנָן וָואס אִיז פִּיל מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן עֲבוֹדַת ה׳, ווִיל אִיבֶּערְבֶּעטְן אַ קְלֵיין קִינְד וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט שֵׁיין גֶעפִירְט? אָבֶער ר׳ אֶלְחָנָן שְׁטֵייט אַנְטְקֶעגְן אִים מִיט אַ בֶּעטְנְדִיגֶע בְּלִיק, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן הֶענְגְט אִין דֶעם טְרֶעפְן דָאס קִינְד... ר׳ יוֹסֵף שִׁמְעוֹן וָואס הָאט גֶעקֶענְט דִי קִינְדֶער וֶועלְכֶע קוּמֶען אִין שׁוּל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלֶערְן ׳וֶוער קֶען זַיין דָאס קִינְד?׳ מִיט אַמָאל הָאט עֶר גֶעכַאפְּט! דָאס פַּאסְט פַּאר מֶענְדֶעלֶע (גֶעבִּיטְן דֶער אֶמֶת׳ער נָאמֶען).



״זָאג מִיר״ הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּן ר׳ אֶלְחָנָן, ״דָאס הֶעמֶעד וָואס דֶער אִינְגְל הָאט גֶעהַאט אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל פַארְפְלֶעקְט?״

״נוּ, אוּן אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַפָּאר פְּלֶעקְן אוֹיפְן הֶעמְד אִיז וָואס?״ הָאט ר׳ אֶלְחָנָן גֶעפְרֶעגְט.

ר׳ יוֹסֵף שִׁמְעוֹן הָאט שׁוֹין אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען. ״מֶענְדֶעלֶע״ אִיז ר׳ יוֹסֵף שִׁמְעוֹן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ קִינְד וָואס אִיז נַארְוָואס אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל מִיט אַ פַארְשְׁמִירְטֶע הֶעמְד, ״קוּם נָאר אֵיין מִינוּט״.

דֶער אִינְגְל הָאט גֶעזֶען אַז דֶער יוּנְגֶערְמַאן גֵייט צוּ צוּ ר׳ אֶלְחָנָן הָאט עֶר אַבִּיסְל גֶעקְוֶוענְקְלְט אוֹיבּ עֶר זָאל צוּגֵיין אָדֶער נִישְׁט, אָבֶער ר׳ אֶלְחָנָן עֶר שׁוֹין דֶערְקֶענְט דָאס קִינְד, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל צוּם קִינְד אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע זֶעקְל מִיט נַאשׁ, ״נֶעם דִיר מַיין קִינְד״, הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט וַוארֶעמְקַייט, ״יֶענֶע וָואךְ

הָאב אִיךְ דִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, בִּיטֶע זַיי מִיר מוֹחֵל!...״ ״אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יֶענֶע וָואךְ גְלַייךְ מוֹחֵל גֶעוֶוען..״ הָאט דָאס קִינְד גֶעזָאגְט שֶׁעמֶעוְודִיג..

ר׳ אֶלְחָנָן׳ס גֶעזִיכְט אִיז לִיכְטִיג גֶעוָוארְן, זַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, דִי וֶוערְטֶער פוּן קִינְד הָאבְּן אִים פָּשׁוּט מְחַיֶּה גֶעוֶוען... עֶר הָאט צוּגֶעמַאכְט אוֹיף אַ רֶגַע זַיינֶע אוֹיגְן אוּן גֶעזָאגְט צוּם אִינְגֶעלֶע מִיט אַ בֶּעטְנְדִיגֶע שְׁטִימֶע, ״אֶפְשַׁר וָואלְסְטוּ גֶעקֶענְט מִיר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער מַמָּשׁ מִיט דַיין מוֹיל: ״אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל״... דָאס קִינְד הָאט בַּאלְד גֶעזָאגְט וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן, אוּן אַרוֹיסְגֶעלָאפְן מִיט פְרֵייד וַוייזְן פַאר אַלֶעמֶען זַיין גְרוֹיסֶע פֶּעקְל נַאשׁ וָואס עֶר הָאט פַארְדִינְט...

ר אֶלְחָנָן גֵייט צוּרִיק צוּ זַיין אָרְט צוּפְרִידְן אוּן רוּאִיג, הָא, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן... דָאס קִינְד אִיז שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן גֶעוָוארְן...

יָפָה שָׁעָה אַחַת בִּתְשׁוּבָה וּבְמַעֲשִׂים טוֹבִים בָּעוֹלָם הַזֶּה – מִכָּל חַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת




מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ ׳רָב׳ – דֶער ׳רָב׳ הָאט הָאט קֵיין קִינְדֶער נִישְׁט גֶעהַאט – דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעהַאט אַ ׳בֶּן־יָחִיד׳ – אוּן עֶר הָאט אִים מְגַדֵּל גֶעוֶוען – אוּן עֶר הָאט אִים חֲתוּנָה גֶעמַאכְט.

דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ פְּלֶעגְט צוּ זִיצְן אוֹיף [אִין] אַ ׳אוֹיבֶּער־שְׁטִיבְּל׳ [בּוֹידֶעם], אוּן הָאט גֶעלֶערְנְט – אַזוֹי־וִוי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי גְבִירִים – אוּן פְּלֶעגְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען תָּמִיד. נָאר עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גֶעפִילְט, אַז ס׳פֶעלְט אִים עֶפֶּעס אַ ׳חִסָּרוֹן׳ – אוּן הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס – אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפִילְט קֵיין ׳טַעַם׳ אִין דֶעם ׳לֶערְנֶען׳, אוּן אִין דֶעם ׳דַאוֶוענֶען׳.

הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר צְוֵויי יוּנְגֶעלַייט – הָאבְּן זֵיי אִים אַ עֵצָה גֶעגֶעבְּן: ״אַז עֶר זָאל פָּארְן צוּ דֶעם אוּן דֶעם ׳צַדִּיק׳״. אוּן דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ הָאט גֶעטָאן אַ ׳מִצְוָה׳ – וָואס דוּרְךְ דֶער ׳מִצְוָה׳, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ דֶער בְּחִינָה ׳מָאוֹר־הַקָּטָן׳.

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳, אוּן הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט זַיין ׳פָּאטֶער׳: ״בַּאֲשֶׁר עֶר פִילְט נִישְׁט קֵיין טַעַם אִין זַיין ׳עֲבוֹדָה׳ (כְּלוֹמַר: אִין דֶעם וָואס עֶר דִינְט גָאט, דְהַיְינוּ: ׳דַאוֶוענֶען׳ אוּן ׳לֶערְנֶען׳, אוּן ׳אַנְדֶערֶע מִצְוֹת׳) – אוּן ס׳גֵייט אִים אָפּ, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס – בְּכֵן וִויל עֶר פָארְן צוּ דֶעם ׳צַדִּיק׳״ (וָואס מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט, כַּנַ״ל).

הָאט אִים דֶער ׳פָּאטֶער׳ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״וִוי קוּמְסְטוּ צוּ אִים צוּ פָארְן, דוּ בִּיזְט זִיךְ [דָאךְ] מֶער ׳לַמְדָן׳ פוּן אִים, אוּן מֶער ׳מְיוּחָס׳ פוּן אִים – ס׳שְׁטֵייט דִיר נִישְׁט אָן, צוּ אִים צוּ פָארְן – גֵיי אַוֶועק פוּן דֶעם וֶועג״.

בִּיז דֶער ׳פָּאטֶער׳ הָאט אִים נִישְׁט דֶערְלָאזְט, צוּ פָארְן צוּם ׳צַדִּיק׳. הָאט זִיךְ דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ ווידֶער גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען – הָאט עֶר ווידֶער גֶעפִילְט דֶעם ׳חִסָּרוֹן׳ כַּנַ״ל. הָאט עֶר ווידֶער

אַ עֵצָה גֶעהַאלְטְן מִיט דִי מֶענְטְשְׁן – הָאבְּן זֵיי אִים וִוידֶער דִי [זֶעלְבֶּע] עֵצָה גֶעגֶעבְּן: ״אַז עֶר זָאל פָּארְן צוּ דֶעם ׳צַדִיק׳״.

אִיז עֶר וִוידֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם ׳פָּאטֶער׳ – הָאט אִים דֶער ׳פָּאטֶער׳ וִוידֶער אָפְּגֶעשְׁלָאגְן אוּן הָאט אִים נִישְׁט דֶערְלָאזְט. אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל. אוּן דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ הָאט אַלְץ גֶעפִילְט, אַז סְ׳גֵייט אִים עֶפֶּעס אָפּ [סְ׳פֶעלְט אִים עֶפֶּעס] – אוּן הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט: ״עֶר זָאל מְמַלֵא זַיין דֶעם חִסָרוֹן״ (כְּלוֹמַר: עֶר זָאל מִיט עֶפֶּעס פַארְרֶעכְטְן, אַז סְ׳זָאל אִים נִישְׁט אָפְּגֵיין).

אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס דֶער חִסָרוֹן אִיז, כַּנַ״ל. אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם ׳פָּאטֶער׳, אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן – בִּיז דֶער ׳פָּאטֶער׳ הָאט גֶעמוּזְט מִיט אִים פָּארְן – וָוארְן דֶער ׳פָּאטֶער׳ הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַלֵיין לָאזְן פָּארְן, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַ ׳בֶּן־יָחִיד׳.

הָאט אִים דֶער ׳פָּאטֶער׳ גֶעזָאגְט: ״זֶעה, אִיךְ וֶועל מִיט דִיר פָּארְן, וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן, אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט״ (כְּלוֹמַר: אַז דֶער ׳צַדִיק׳ אִיז נִישְׁט).

הָאבְּן זֵיי אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דִי ׳בְּרִיקֶע׳ [פֶּערְד אוּן וָואגְן], אוּן זֶענֶען גֶעפָארְן! הָאט דֶער ׳פָּאטֶער׳ צוּם ׳זוּהְן׳ גֶעזָאגְט: ״דָא וֶועל אִיךְ פְּרוּבְן – וֶועט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פִירְן ׳כְּסֵדֶר׳, אִיז עֶס מִן־הַשָׁמַיִם – אוּן אַז נִישְׁט, אִיז נִישְׁט מִן־הַשָׁמַיִם אַז מִיר זָאלְן פָארְן, וֶועלְן מִיר זִיךְ אוּמְקֶערְן״.

זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן! וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ אַ קְלֵיין ׳בְּרִיקְל׳ – אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַ ׳פֶערְד׳, אוּן דִי ׳בְּרִיקֶע׳ הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעקֶערְט, אוּן זֵיי זֶענֶען שִׁיעוּר דֶערְטְרוּנְקְן גֶעוָוארְן. הָאט אִים דֶער ׳פָּאטֶער׳ גֶעזָאגְט: ״זֶעהְסְטוּ, אַז סְ׳פִירְט זִיךְ נִישְׁט כְּסֵדֶר, אוּן דִי ׳נְסִיעָה׳ אִיז נִישְׁט מִן־הַשָׁמַיִם״!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט, הָאט זִיךְ וִוידֶער דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען – אוּן הָאט וִוידֶער גֶעזֶעהְן, אַז סְ׳גֵייט אִים עֶפֶּעס אָפּ, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס.

הָאט עֶר וִוידֶער מַפְצִיר גֶעוֶוען דֶעם ׳פָּאטֶער׳ – הָאט דֶער ׳פָּאטֶער׳ גֶעמוּזְט מִיט אִים נָאכְאַמָאל פָּארְן. וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן – הָאט דֶער ׳פָּאטֶער׳ וִוידֶער גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ פְּרוּב, אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר: ״אוֹיבּ סְ׳וֶועט זִיךְ פִירְן כְּסֵדֶר״ (וְכוּ׳ כַּנַ״ל).

וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן, זֶענֶען צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן בֵּיידֶע ׳אַקְסְן׳ הָאט אִים דֶער ׳פָּאטֶער׳ גֶעזָאגְט: ״זֶעה אַז סְ׳פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן פָארְן – וָוארְן אִיז דָאס דֶען אַ ׳דֶרֶךְ־הַטֶבַע׳, אַז בֵּיידֶע ׳אַקְסְן׳ זָאלְן צוּבְּרָאכְן וֶוערְן – וִויפִיל מָאל מְ׳אִיז גֶעפָארְן מִיט דֶער ׳בְּרִיקֶע׳, אוּן סְ׳הָאט זִיךְ אַזוֹינְס נִישְׁט גֶעטְרָאפְן״ .

הָאבְּן זֵיי זִיךְ וִוידֶער אוּמְגֶעקֶערְט, הָאט זִיךְ דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ וִוידֶער גֶענוּמֶען צוּם לֶערְנֶען וְכוּ׳ כַּנַ״ל, אוּן הָאט וִוידֶער גֶעפִילְט דֶעם ׳חִסָרוֹן׳ כַּנַ״ל.

אוּן דִי יוּנְגֶעלַייט הָאבְּן אִים אַלְץ אָנְגֶערֶעדְט: ״אַז עֶר זָאל פָּארְן״. אִיז דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ וִוידֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם ׳פָּאטֶער׳, אוּן הָאט אִים וִוידֶער מַפְצִיר גֶעוֶוען – הָאט עֶר גֶעמוּזְט נָאכְאַמָאל מִיט אִים פָּארְן.

הָאט דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ צוּם ׳פָּאטֶער׳ גֶעזָאגְט: ״אַז מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט שְׁטֶעלְן אוֹיף אַזוֹי אַ [אַזַא] פְּרוּב, וָוארְן דָאס אִיז אַ ׳דֶרֶךְ־הַטֶבַע׳, אַז סְ׳פַאלְט אַמָאל אַ ׳פֶערְד׳ אַרָאפּ, אָדֶער סְ׳וֶוערְן ׳אַקְסְן׳ צוּבְּרָאכְן – סַיידְן [חוּץ אוֹיבּ] סְ׳וֶועט עֶפֶּעס זַיין אַ וִוילְדֶע זַאךְ״.

זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן – אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען נֶעכְטִיגְן אִין אַ ׳קְרֶעטְשְׁמֶע׳! הָאבְּן זֵיי דָארְט גֶעפוּנֶען

אַ 'סוֹחֵר' - הָאבְּן זֵיי מִיט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן, אַזוֹי־ווִי דֶער סֵדֶר אִיז פוּן סוֹחֲרִים - אוּן הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעזָאגְט, אַז זֵיי פָּארְן אַהִין (צוּ אַ 'גוּטְן־יְהוּדִי') - וָוארְן דֶער 'רָב' הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ זָאגְן, אַז עֶר פָּארְט צוּ דֶעם 'גוּטְן־יְהוּדִי'.

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט וֶועלְט זַאכְן - בִּיז אִין [אִינְמִיטְן] דִי רֵייד, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן 'גוּטֶע־אִידְן', וואוּ ס'גֶעפוּנֶען זִיךְ 'גוּטֶע־אִידְן'. הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'סוֹחֵר'): "אַז דָארְט גֶעפוּנְט זִיךְ אַ 'גוּטֶער־יְהוּדִי', אוּן דָארְט אוּן דָארְט".

הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן: "פוּן דֶעם 'גוּטְן־יְהוּדִי', וָואס זֵיי פָּארְן צוּ אִים". הָאט דֶער 'סוֹחֵר' זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "'דֶער'? (מִיט אַ לָשׁוֹן ווִי מ'פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ), עֶר אִיז זִיךְ אַ 'קַל' (כְּלוֹמַר: נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער יְהוּדִי [אִיד]) - אָט פָּאר אִיךְ פוּן אִים - בִּין אִיךְ דֶערבַּיי גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעטָאן אַ עֲבֵירָה".

הָאט זִיךְ דֶער 'פָּאטֶער' אָנְגֶערוּפְן (צוּם 'בֶּן־יָחִיד'): "זֶעהְסְטוּ מַיין קִינְד, וָואס דֶער 'סוֹחֵר' דֶערְצֵיילְט לְפִי תּוּמוֹ - (כְּלוֹמַר: עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְכַוֵּון אִין מִיסְטְנֶע צוּ דֶערְצֵיילְן שְׁלֶעכְטְס פוּן דֶעם 'גוּטְן־יְהוּדִי', נָאר דוּרְךְ דִי רֵייד הָאט עֶר עֶס דֶערְצֵיילְט) - אָט פָּארְט עֶר דָאךְ פוּן דָארְט".

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַהֵיים (דְהַיְינוּ דֶער 'רָב' מִיט דֶעם 'בֶּן־יָחִיד')! אִיז דֶער 'זוּהְן' גֶעשְׁטָארְבְּן - אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ חָלוֹם צוּם 'פָּאטֶער' - הָאט דֶער 'פָּאטֶער' גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר שְׁטֵייט אִין גְרוֹיס כַּעַס".

הָאט דֶער 'פָּאטֶער' אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בִּיזְטוּ אַזוֹי אִין כַּעַס"? הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט (דְהַיְינוּ דֶער 'זוּהְן' וָואס ס'גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אִין חָלוֹם דֶעם 'פָּאטֶער'): "אַז עֶר זָאל פָּארְן צוּ דֶעם 'גוּטְן־יְהוּדִי', וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט פְרִיעֶר פָּארְן צוּ אִים - וֶועט עֶר דִיר זָאגְן, פַארְוָואס אִיךְ בִּין אִין כַּעַס"?

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "ס'אִיז אַ מִקְרֶה" (כְּלוֹמַר: ס'נָאר אַ חָלוֹם, נִישְׁט קַיין אֱמֶת).

נָאכְדֶעם, הָאט זִיךְ אִים ווִידֶער אַזוֹי גֶעחָלוֹמְ'ט - הָאט עֶר ווִידֶער גֶעמֵיינְט: "ס'אִיז אַ פַאלְטְשֶׁער חָלוֹם". אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דְרַיי מָאל - הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען, אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין לֶערֶע זַאךְ.

אִיז עֶר גֶעפָארְן אַהִין (דְהַיְינוּ דֶער 'רָב' אִיז גֶעפָארְן צוּ דֶעם 'גוּטְן־יְהוּדִי', וָואס עֶר אִיז פְרִיעֶר גֶעפָארְן מִיט זַיין 'זוּהְן' אַהִין)! אוֹיף דֶעם וֶועג, הָאט עֶר ווִידֶער בַּאגֶעגְנְט דֶעם 'סוֹחֵר' וָואס עֶר הָאט פְרִיעֶר בַּאגֶעגְנְט, אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן מִיט זַיין 'זוּהְן'.

אוּן דֶער 'רָב' הָאט אִים דֶערְקֶענְט - אוּן דֶער 'רָב' הָאט גֶעזָאגְט צוּם 'סוֹחֵר': "דוּ בִּיזְט זִיךְ דֶער, וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעזֶעהְן אִין דֶער 'קְרֶעטְשְׁמֶע'"? עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: "אַוַודְאַי הָאסְטוּ מִיךְ גֶעזֶעהְן"! - אוּן עֶפְנְט אוֹיף דָאס מוֹיל, אוּן זָאגְט צוּ אִים [צוּם 'רָב']: "אַז דוּ ווִילְסְט, אָט שְׁלִינְג אִיךְ דִיךְ אַיין". זָאגְט עֶר צוּ אִים (דְהַיְינוּ דֶער 'רָב' צוּם 'סוֹחֵר'): "וָואס רֶעדְסְטוּ"?

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "גֶעדֶענְקְסְטוּ, אַז [וֶוען] דוּ בִּיזְט גֶעפָארְן מִיט דַיין 'זוּהְן' - אוּן פְרִיעֶר אִיז אַ 'פֶערְד' אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער 'בְּרִיק', הָאסְטוּ זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט - דֶערְנָאךְ זֶענֶען דִי 'אַקְסְן' צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן - דֶערְנָאךְ הָאסְטוּ מִיךְ בַּאגֶעגְנְט - הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט, אַז עֶר אִיז אַ 'קַל'.

הַיינְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דַיין 'זוּהְן' גֶע'פַּטְרְ'ט, הַיינְט מֶעגְסְטוּ שׁוֹין פָּארְן - וָוארְן דֶער 'זוּהְן' אִיז גֶעוֶוען אַ בְּחִינַת 'מָאוֹר־הַקָּטָן' - אוּן דֶער 'צַדִּיק' וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט צוּ אִים פָּארְן, עֶר

אִיז אַ בְּחִינַת ׳מָאוֹר־הַגָּדוֹל׳ – אוּן אַז זֵיי בֵּיידֶע זָאלְן זִיךְ גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם צוּם אוֹיפְקוּמֶען, וָואלְט ׳מָשִׁיחַ׳ גֶעקוּמֶען.

אוּן הַיינְט אַז אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶע׳פַּטְרְ׳ט, מֶעגְסְטוּ שׁוֹין פָּארְן״.

דֶערְוַוייל אִיז עֶר נֶעְלָם גֶעוָוארְן אִין דִי רֵייד (כְּלוֹמַר: דֶער ׳סוֹחֵר׳ אִיז פַאְרְשְׁווּאוּנְדְן גֶעוָוארְן פְּלוּצִים אִין דִי רֵייד), אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן.

אִיז דֶער ׳רָב׳ גֶעפָארְן צוּ דֶעם ׳צַדִיק׳, אוּן הָאט גֶעשְׁרִיגְן: ״גֶעוַואלְד, גֶעוַואלְד, חֲבַל עַל דְאַבְדִין וְלֹא מִשְׁתַּכְּחִין״ (וֵויי אוֹיף דֶעם וָואס ס׳פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן מְ׳קֶען נִישְׁט גֶעפוּנֶען).

אוּן דֶער ׳סוֹחֵר׳ אִיז גֶעוֶוען דֶער ׳סַמֶ״ךְ־מֶ״ם׳ אַלֵיין, וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אַ ׳סוֹחֵר׳, אוּן הָאט זֵיי אָפְּגֶענַארְט.

אוּן דֶערְנָאךְ, אַז עֶר הָאט זִיךְ דָאס אַנְדֶערֶע מָאל בַּאגֶעגְנְט מִיט דֶעם ׳רָב׳ – הָאט עֶר זִיךְ מִיט אִים אַלֵיין גֶערֵייצְט – נָאךְ וָואס עֶר הָאט אִים גֶעפָאלְגְט.

וָוארְן אַזוֹי אִיז דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם ׳יֵצֶר־הָרָע׳ – פְרִיעֶר רֶעדְט עֶר אָן דֶעם מֶענְטְשְׁן – אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ פָאלְגְט אִים חַס־וְשָׁלוֹם, רֵייצְט עֶר אַלֵיין זִיךְ דֶערְנָאךְ מִיט דֶעם מֶענְטְשְׁן – אוּן אִיז זִיךְ אִין אִים אַלֵיין נוֹקֵם, נָאךְ וָואס עֶר הָאט אִים גֶעפָאלְגְט.

הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ זָאל אוּנְז מַצִיל זַיין פוּן אִים, אוּן זָאל אוּנְז אוּמְקֶערְן צוּם רֶעכְטְן אֱמֶת, אָמֵן.

# די אכטע מעשה - דער רב און דער בן יחיד

**א. וואס האט געפעלט פארן בן יחיד?**

- ❑ ער האט נישט געקענט לערנען.
- ❑ ער האט נישט געפילט א טעם ביים לערנען און דאווענען.
- ❑ ער האט נישט געקענט דאווענען.

**ב. וואספארא עצה האט מען אים געגעבן?**

- ❑ פָּארְן צו דעם און דעם צדיק.
- ❑ לערנען מער פלייסיג.
- ❑ טוהן חסד מיט א צווייטן.

**ג. דורך וועלכע מצוה איז צוגעקומען דער בן יחיד צו א בחינה פון ״מאור הקטן״?**

- ❑ ער האט געלערנט אסאך שעות רצופות.
- ❑ געדאווענט מיט כוונה און דביקות.
- ❑ דער רבי זאגט נישט וועלכע מצוה

**ד. וואס האט אים זיין טאטע געענטפערט ווען ער האט געבעטן צו פארן צום צדיק?**

- ❑ דו ביסט מער א למדן פון אים.
- ❑ דו ביסט מער א מיוחס פון אים .
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ה. וואס האט פאסירט ביים פארן צום צדיק דעם צווייטן מאל?**

- ❑ עס איז אראפ געפאלן א פערד און די בריקע האט זיך איבער געקערט, און זיי זענען שיר דערטרונקען געווארן.
- ❑ זיי האבן געפונען א סוחר אין אכסניא.
- ❑ עס האט זיך צובראכן ביידע אַקְסִין.

**ו. וואס האט זיי דערציילט דער סוחר אויף יענעם צדיק?**

- ❑ אז ער איז די בחינה פון מאור הגדול.
- ❑ אז ער איז א קל , און ער האט געטאן איין עבירה.
- ❑ אז ער איז זייער א גרויסער צדיק.

**ז. וואס האט פאסירט פארן רב ביים וועג צום צדיק, נאך זיין חלום?**

- ❑ עס איז אראפ געפאלן א פערד און די בריקע האט זיך איבער געקערט.
- ❑ ער האט געפונען דעם סוחר.
- ❑ עס האט זיך צובראכן ביידע אַקְסִין.

**ח. וואס וואלט פאסירט אויב דער בן יחיד וואלט זיך געטראפן מיטן צדיק?**

- ❑ וואלט זיך אויפגעבויעט דער בית המקדש.
- ❑ וואלט משיח געקומען.
- ❑ וואלט ער געווען מער א למדן.

**ט. וואס האט דער רב געשריגן ווען ער איז געקומען צום צדיק?**

- ❑ קיין יאוש איז נישט פארהאנדין.
- ❑ געוואלד געוואלד.
- ❑ גיב מיר א וועג צו תשובה טאהן.

י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?

- ❑ איינמאל
- ❑ צווימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**וואו זעט מען אין די מעשה אז - לָדוּר בַּעֲלִיָּה הוּא טוֹב יוֹתֵר לַעֲבוֹדוֹת הַבּוֹרֵא מִלָּדוּר בְּבַיִת תַּחְתּוֹן.** (ספר המידות, בית) ?

## תשובות אויף פאריגע וואך

**ווער איז געלאפן? ווער האט געשריגן? ווער איז זיך אוועק געגאנגען? ווער האט געלאכט? דֶער סָמֶ״ךְ מֵ״ם**



# צְווֵיי אִינֶערְלִיכֶע שְׁטִימֶעס

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִּי וָואךְ וִוי דֶער בֶּן יָחִיד הָאט גֶעוָואלְט פַארְרֶעכְטְן זַיין חִסָּרוֹן. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן פוּן זַיין טַאטְן - דֶער רַב זָאל אִים לָאזְן פָּארְן צוּם צַדִּיק - וַוייל אַזוֹי הָאבְּן אִים זַיינֶע חֲבֵרִים גֶערָאטְן. זַיין טַאטֶע הָאט פְּרוּבִּירְט אִים צוּ צוּרִיקְהַאלְטְן דֶערְפוּן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז צוּם סוֹף הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל פָּארְן, מִיטְן תְּנַאי אַז דֶער טַאטֶע קוּמְט מִיט. פָּארְנְדִיג, הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶעשְׁטוֹיסְן אִין פַארְשִׁידֶענֶע מְנִיעוֹת, וֶוען יֶעדֶעס מָאל הָאט דֶער טַאטֶע זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מוּסְרְ'ן אַז מֶען זֶעט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט פָּארְן, אוּן אַז דִי נְסִיעָה אִיז נִישְׁט בַּאשֶׁערְט. אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט עֶטְלִיכֶע מָאל, אוּן דֶער זוּן הָאט ווייטֶער גֶעלֶעכְצֶעט צוּ עֶרְפִילְן זַיין חִסָּרוֹן.

וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער. פַארְוָואס דַארְף דֶער זוּן פָּארְן דַוְוקָא מִיטְן טַאטְן? דֶער טַאטֶע שְׁפִּירְט דָאךְ נִישְׁט קֵיין שׁוּם חִסָּרוֹן. אַלֶץ פָּארְט אִים גוּט אוּן גֶעשְׁמִירְט, אוּן עֶר לֶעבְּט זִיךְ רוּאִיג. אָבֶּער דֶער זוּן אִיז אוּמְרוּאִיג, צוּשְׁטוּרֶעמְט אוּן צוּמִישְׁט, וִויפִיל עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוְונְט שְׁפִּירְט עֶר אַז עֶפֶּעס פֶּעלְט אִים, אַזוֹי וִוי אַ דַארְשְׁטִיגֶער גְלוּסְט צוּ שְׁטִילְן זַיין דָארְשְׁט. דֶער זוּן וָואלְט גֶעדַארְפְט פָּארְן אָן זַיין טַאטֶע אוּן עֶרְפִילְן זַיין חִסָּרוֹן, אוּן אָנְקוּמֶען פְרֵיילִיכֶערְהֵייט צוּ זַיין רוּאִיגְקֵייט?

נָאר דִי פְּנִימִיּוּת פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן 'טַאטֶע אוּן זוּן' וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אוּנְז. דָאס הַארְץ אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן זוּן, אוּן דִי שֵׂכֶל - דִי חָכְמוֹת, זֶענֶען מְרַמֵּז אוֹיפְן טַאטְן.

אוּנְזֶער הַארְץ גְלוּסְט צוּ גֵיין אוּן פָּארְן צוּם צַדִּיק, צוּ זוּכְן אַ רְפוּאָה אוּן זִיךְ אָנְפִילְן מִיט הַתְמָדַת הַתּוֹרָה, מִיט עֶרְלִיכֶע רֵייד, הָאבְּן רֵיינֶע רְצוֹנוֹת, אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת בְּשִׂמְחָה. אָבֶּער דַאן קוּמְט דֶער טַאטֶע/שֵׂכֶל אוּן עֶרְקְלֶערְט: צוּ וָואס דַארְפְסְטוּ פָּארְן צוּם צַדִּיק, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַלֵיינְס אַ צַדִּיק, דוּ לֶערְנְסְט פְלֵייסִיג אוּן בִּיסְט מְקַיֵּים דִי מִצְווֹת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין? אוּן אַזוֹי וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן הַארְץ.

וֶוען מֶען פָּארְט צוּם צַדִּיק אָדֶער מֶען לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים, דַארְף מֶען צוּגֵיין פוּן אַ חִסָּרוֹן'דִיגֶער שְׁטַאנְדְפּוּנְקְט, אוּן זִיךְ אַיינְהֶערְן צוּ אוּנְזֶער הַארְץ'ס תְּשׁוּקָה זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן צוּ שְׁפִּירְן דִי גְרוֹיסֶע ווייטְקַייט פוּן אִים, כְּדֵי צוּ רִיכְטִיג מְקַבֵּל זַיין תּוֹרָה אוּן רֵיינֶע יִרְאַת שָׁמַיִם.

~~~~~~

יְרַחְמִיאֵל הָאט לִיבּ צוּ לֵיינֶען מַעֲשִׂיּוֹת, אִין שׁוּל זוּכְט עֶר אֵייבִּיג אוֹיף דִי גִּילְיוֹנוֹת אַהֵיימְצוּנֶעמֶען אוֹיף צוּ לֵיינֶען.

אֵיין טָאג הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֵיינֶען אַ גִּילָיוֹן

המשך אויף זייט 2
~~~~~~